STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02255

HIRSH LEKERT

William Abrams

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער הירש לעקערט דענקמאָל אין מינסק

Published by
Branch 116 and Bronx District Committee of the
International Workers Order
1938

PRINTED BY PROMPT PRESS
209

הירש לעקערט

.1

אין אַ קליין ליטוויש שטעטל, יאַנישעק, קאָוונער גובערניע, איז געבאָרן געוואָרן הירש לעקערט — דער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער גרויסער, אידישער אַרבעטער־העלד. איז דאָס שטעטל געווען אַ קליינס, אַ בלאָטיקס, און די מענטשן פאַרחושכטע, פאַרהאָרעוועטע, הונגעריקע און פאַרצווייפלטע. ס'איז געווען אַ שטעטל פון דער ליטווישער ערד, וואָס דער דיכטער מעינקע קאַץ באַזינגט אַזוי צערפול אין זיין „ברענענדיק שטעטל":

מיין אָרימע ליטווישע ערד
פון מיכאַלישעק, סווינציאַן און סווינציאַנקע;
מיט לידער פון בעטלער, ציגיינער און פייגל
איז קיין מאַרציפּאַנעס קיינמאָל ניט געווען באַשערט.

נאָר אין דעם יאָר, וואָס הירש לעקערט האָט געעפנט זיינע אויגן אַף דער וועלט, האָט נאָך דאָס ליטוויש שטעטל ניט געברענט מיטן פייער פון מלחמה, ווי עס האָט זי מיט יאָרצענדליקן שפּעטער געוועזן מעינקע קאַץ. זי האָט נאָך ניט פאַרצערט קיין מענטשן אין גיהנום פון קאַנאָנען־פייער און הייסן קוילן־בליי. פאַרחושכט זיינען געווען די מענטשן — ספּעציעל די אידן, די אָרימע אידן, וואָס האָבן באַם שוסטערשן וואַרשטאַט, באַם שניידערשן גיי־טיש, אָדער באַ דער קאָזלע הובלענדיק אַ ברעט, אויסגע־הויכט זייערע טרוימען, זייערע האָפענונגען פאַר אַ בעסער לעבן מיט אַ פּסוק פון דער אידישער תורה אַף די ליפּן. דאָס ליטווישע שטעטל פון יענע יאָרן מיט אירע איינגעהורבעטע הייזלעך האָט זיך געוויקט אין בלאָטע און אין גרינס, אין שטויב און אין זון, אין פליגן און אין בליטן, אין לבנה־ליכט, אין טיפן פושנעם שניי און פאַרשטיינערטע הרודעס בלאָטע. פון ערגעץ ווייטער אין תחום המושב, האָבן זיך נאָך דאַן צו דער ליטווישער שטעטל דערטראָגן די קרעכצן פון אידישע מאַמעס, דער־הרגעטע אין די פּאָגראָמען פון יאָר 1882. האָבן ליטווישע אידן געקוקט אַפן הימל יעדן פרימאָרגן און מיט צער אין די אויגן געפרעגט: וועט אונז אויך טרעפן דער זעלביקער פּאָגראָם־גורל? האָבן אידישע מאַמעס געטוליעט נעענטער צום האַרצן זייערע עופה'לעך, האָבן פרומע טאַטעס אויסגעגאָסן זייערע הערצער אין אומפאַרשטענדלעכע פאַר זיי תפילות.

אין אָט דעם יאָר 1883 איז געבאָרן געוואָרן הירש לעקערט, בא אַן אָרימער, פאַרחושכטער אידישער פאַמיליע. ווי אַלע אידישע אינגלעך פון יענער צייט איז ער געוואַקסן אַף דער אָרימער מילך פון דער מאַמען, אַף אונערקעס און שוואַרץ־ברויט, אַף ברויט מיט אַ ביסל הערינג־ראָסל. אַמאָל אין אַ יובל האָט ער אין זיין יוגנט פאַרזוכט אַ יויך פון אַ קעלבערן קעפל. נאָר ניט געקוקט אַף דער גרויסער אָרימקייט איז הירשקע געוואַקסן אַ קרעפטיק אינגל. די ליטווישע פעלדער ארום מיט די שייטן באָב, מיט די גרינע אַרבעס אין שייטן, מיט עפל און בארן און מערן, מיט וואָס ער, ווי אַלע אידישע אינגלעך, האָבן זיך בשתיקה געלאָזט וואווילגיין, האָט אָנגעגאָסן זיינע יונגע גלידער מיט לעבן און מיט קראַפט.

אַן אָרימען אידישן אינגל אין אַ ליטוויש שטעטל איז אין יענע יאָרן קיין יוגנט ניט געווען באַשערט. אַ דערצוויגענער אין אומבאַשרייבלעכן דחקות, האָט מען אים נאָך אַלס קינד איינגעשפּאַנט אין יאָך פון האָרעוואניע, כדי ער זאָל זיך כאָטש אויסשלאָגן זיין אייגן שטיקל ברויט. אַזוי איז אויך געווען מיט הירש לעקערטן. נאָך נאָר אַ קינד, גיט מען אים אָפּ זיך לערנען פאַר אַ שוסטער — דאָס איז געווען זיין חדר, זיין שול, זיין מיטל־שול און זיין אוניווערזיטעט. טראָגן שפּעלעך מיסט פאַר דער באַלעבאָסטע, צוואוויגן דער באַלעבאָסטעס קינדער, קערן דאָס הויז, וואַשן ווינדעלעך און גיין אַ גאַנג — דאָס איז געווען דער גורל, די שול, פון אידישע אָרימע אינגלעך אין דער ליטע.

איז הירש לעקערט געוואַקסן ניט וויסנדיק דעם סימן פון אַן אות, ניט קאָנענדיק קיין בוכשטאַב. אָן ביכער און אָן קענטעניש איז אין אים אויך אָנגעוואַקסן אַ העלישע שנאה קעגן טיראַנען. און טיראַנען זיינען זיי געווען אין יענער צייט אין אַלטן צאַרנלאַנד.

די אידישע קינדער זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין געטאָ. די אידן האָבן זיך ניט געטאָרט אַרויסרירן פון די שטעט וואו עס איז זיי דער־לויבט געוואָרן צו וואוינען. טאָמער האָט מען עמיצן געכאַפּט אין אַ שטאָט וואָס איז אויסער דער „טשערטאַ” (געטאָ), האָט מען אים געוואָרפן אין טורמע, שטראָפירט און דערנאָך געפירט צופוס איבער הונדערטער מייל צוריק אין דער שטאָט פון וועלכער ער איז געקומען. דערביי פלעגט מען אין יעדער שטאָט זיך אָפּשטעלן, דעם געפאַנגענעם אידן אריינוואַרפן אין טורמע און דערנאָך, מיט חדשים שפּעטער, אים שיקן אין אַ צווייטער שטאָט, אין אַן אַנדער טורמע. אַזוי פלעגט קאָנען אוועקגיין אַ יאָר אָדער צוויי איידער מען האָט אים געבראַכט צוריק אין זיין היים־שטאָט. און אין דער היים־שטאָט, ווי אין די אַנדערע שטעט, איז קיין ברויט ניט געווען, ס'איז געווען ענג און דושנע, ווי איבערן גאַנצן תחום המושב.

דער יונגינקער הירש לעקער, וועלכער איז שוין געווען אַ פּאַלנער

באלמעלאָכע — א שוסטער, האָט זיך אוועקגעלאָזט אין א גרויסער שטאָט, אָבער ניט אויסער דער גרענעץ, נאָר אין איינער פון די בארימטע שטעט, וואו אידן איז דערלויבט געוואָרן צו וואוינען. ער איז געקומען קיין ווילנע און געקראָגן ארבעט. נאָר די ארבעט איז געווען א מוראדיק שווערע, די עקספּלואטאַציע איז געווען גרויס און דער ווילקיר פון די טיראַנען האָט געבושעוועט אָן א גרענעץ. דער פּראָטעסט פון אָרימען אידיש־ליטווישן אינגל, וואָס האָט ניט געקאָנט ניט לייענען און ניט שרייבן, וואַקסט אַלץ שאַרפער און שאַרפער. זיין פּראָטעסט־שטימונג שטייגט אַף דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע פון די ברייטע אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. די אידישע ארבעטער פון דעם קליינעם שטעטל גייען ארויף אַפן וועג פון די העלדישע יאָרן—יאָרן פון גרויסע קאַמפן, וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט. אָט אין יענע יאָרן איז הירש לעקערט איינער פון די דרייסטסטע קעמפער פאַרן ארבעטער־קלאַס.

א קורץ לעבן איז געווען הירש לעקערטס — דער שוסטער־אינגל פון דער שטעטל יאַנישעק, קאָוונער גובערניע. אַפן ניינצעטן יאָר גע־פּיגט מען אים שוין אין ווילנער טורמע. דאָ זעט מען אים איינמאָל זיצן און צייכענען מיט שווארצן קויל א תליה אַף דער ערד. דאָס האָט ער זיך אויסגעמאָלן ווי זיין תליה וועט אויסזען, און מיט א קורצער צייט שפּעטער האָט מען אים געהאַנגען.

.2

אין 1902, דאָס יאָר וואָס הירש לעקערט האָט געשאָסן אַפן צארישן טיראַן, דעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן וואַל, האָט די אידישע ארבעטער־באַוועגונג זיך ארויסגעריסן אַפן ברייטן רעוואָלוציאָנערן וועג. ווילנע, די שטעט און שטעטלעך פון דער ליטווישער ערד אונטערן צארישן יאָך, האָבן אין יענע יאָרן אָנגעהויבן באַקומען א נייעם אויסזען. אָט איז א בילד פון דעם דעמאָלטיקן ארבעטער אין א ליטוויש שטעטל:

„זומער, שבת נאָכמיטאָג. ס'ברענט די זון. די היץ איז אומ־דערטרעגלעך. נאָר דער ארבעטער עולם וועט ניט בלייבן זיצן אין הויז. נאָך פון נעכטן האָט מען אָנגעזאָגט אַף דער בירזשע וועגן דער פאַרזאַמלונג אין וואַלד. ציען זיך דורך די ווילנער גאַסן צו זאַרעטשיע די ווילנער אידישע ארבעטער. יעדער פאַר דורך א באַ־זונדער וועג. יעדער ארבעטער ווייסט דעם וועג. ער ווייסט געניי וועמען ער דאַרף אַפן וועג באַגעגענען. ער האָט גוט איינגעחזרט דעם סימן, וואָס יענער דאַרף אים ווייזן, כדי ער זאָל ריכטיק טרעפן דאָס אָרט. מען גייט רואיק און ערנסט. יעדערער פון זיי ווייסט די

ערנסטקייט פונעם מאָמענט, פילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ווייסט ווי פאָרזיכטיק צו זיין.

„דורך באַזונדערע וועגן און שטעגן קומען זיי זיך צונויף טיף אין וואַלד אַריין צו אַ גרין־באַוואַקסענעם פּלאַץ. זיי זיינען רואיק און זיכער — איבערן גאַנצן וואַלד זיינען צעשטעלט טרייע וועכטער, די איבערגעגעבנסטע חברים, וואָס היטן אַלע שטעגן צום וואַלד.

„אַ רעדנער שטייט אַף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים. ער שטייט און רעדט וועגן פריייהייט, פאַר וועלכע די אַרבעטער קעמפן, וועגן דער אָרדענונג וואָס וועט אַמאָל קומען. ער דערמאָנט נעמען: מאַרקס, ענגעלס און אַנדערע נעמען פון אַרבעטער־פריינט, אַרבע־טער־קעמפער. ער רעדט וועגן טיראַנען, וועלכע דריקן און שטיקן. ער רעדט וועגן די אידישע אַרבעטער און זייערע אויפגאַבן. ער וועקט ליבע צו די אונטערדריקטע און האַס צו די אונטערדריקער.

„די פאַרזאַמלונג ענדיקט זיך — דער עולם גייט זיך פאַנאַנדער. מען דאַרף שוין ניט די פריערדיקע פאָרזיכטיקייט. דער וואַלד ווערט פאַרהילכט פון יונגע שטימען:

בריידער און שוועסטער, נעמט זיך פאַר די הענט,
און שווערט אָט דאָ, ווי דער פלאַקער ברענט —
די קייטן פון קנעכטשאַפט וועלן מיר צערייסן.

„און אַ הייליק געפיל האָט געטליעט אין יעדנס האַרץ. דאָס איז געווען ניט בלויז אַ ליד, — דאָס איז געווען אַ וואָרענונג דער בורזשואַזער וועלט, אַז איר צייט האָט שוין באַלד געשלאָגן.”

.3

איינער פון די וואָס זיינען געגאַנגען אַף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד איז געווען הירש לעקערט דער שוסטער. קומענדיק אין ווילנע איז ער אַוועק אַרבעטן אין אַ שוסטער־וואַרשטאַט, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ מאַן דרייסיק באַלמעלאָכעס. אין דעם זעלביקן וואַרשטאַט האָט מיט אים געאַרבעט אַ צווייטער אַרבעטער מיטן נאָמען עליע רייטשוק. דאָס איז געווען אין יאָר 1898. רייטשוק דערציילט, אַז לעקערט האָט זיך שוין דאַן אויסגעטיילט פון די אַנדערע אַרבעטער. די דעמאָלטיקע אונטער־ערדישע „אַרבעטער־שטימע” האָט מען פאַר אים געמוזט לייענען הויך אַפן קול. דאָס וואָס ער האָט ניט געקאָנט לייענען און שרייבן האָט אים נעקאָסט אַ שטיק געזונט. עס פלעגט טרעפן, אַז רייטשוק פלעגט ניט וועלן אַוועקלייגן די אַרבעט כדי אים פאָרצולייענען. אין אַזעלכע מאָמענטן

פֿלעגט הירש לעקערט אַ רים טאָן די אַרבעט פֿון די הענט און ניט צוריקגעבן ביז מען פֿלעגט פֿאַר אים לייענען די צייטונג. און צו די וואָס האָבן פֿאַר אים געלייענט איז ער געוואָרן זייער צוגעבונדן.

אַ באַזונדערע שנאה האָט הירש לעקערט געטראָגן אויף סטרייקברעכער. אין יענע יאָרן האָבן אין ווילנע אָנגעהויבן אָנוואַקסן סטרייקס — אַ זאַך, וואָס איז געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק נײַ אין דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע און ספּעציעל אין די שטעט וואו אידן האָבן געוואוינט. עס איז געלונגען אין איניקע וואַרשטאַטן אײַנצושטעלן דעם נאָרמאַלן אַרבעטסטאָג — 12 שעה אַ טאָג. נאָר אויך דאָ האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וואָס פֿלעגן זיך לאָזן אַרבעטן מער ווי די צוועלף שעה. אין אַ סטרייק פֿלעגן **זיך מאַכן אַזעלכע, וואָס פֿלעגן סקעבן.** הירש לעקערט פֿלעגט אין אַזוינע פֿאַלן ווערן שטאַרק אויפֿגערעגט. ווען ער פֿלעגט זיך דערוויסן פֿון אַ סטרייקברעכער, פֿלעגט ער פּשוט אַרײַן אין וואַרשטאַט און זייער אָפֿט אים אַרויסטראָגן, ווי מען זאָגט, אויף צוויי שפּענדלעך. ער פֿלעגט פּרובירן מיט רייד, מיט גוטן — נאָר אַז עס האָט זיך ניט געלאָזט, האָט ער געלאָזט אין גאַנג זײַן כּוח, — און ער איז געווען אַ יונג מיט ביינער...

אין איין סטרייק האָט מען געמסרט די סטרייק־אָנפֿירער. דערפֿון האָט זיך דערוואוסט הירש לעקערט. ער האָט זיך דערוואוסט ווער עס האָט געמסרט. האָט ער באַשטימט, אַז מען מוז זיך מיט זיי אָפּרעכענען. ס'האָט דעם קאָמיטעט פֿון די סטרייק־אָנפֿירער, **וועלכער איז דערנאָך** באַפֿרייט געוואָרן, געקאָסט אַ סך געזונט און מי ביז מען האָט אים דערפֿון אָפּגערעדט. אַ לאַנגע צייט האָט מען אויף אים געדאַרפֿט אַכטונג געבן. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן אַרײַנצוגיין צו די מוסרים און זיי עפֿענען די קעפּ מיט אַן אײַזערנעם שטאַנג.

אַזוי האָט זיך אין הירש לעקערטן אויסגעפֿורעמט זײַן רעוואָלוציאָנערער געוויסן.

.4

פֿאַרצווייגט אין וואַרשטאַטן, אָרגאַניזירט אין געהיימע קרייזלעך האָט די אידישע אַרבעטער־מאַסע זיך געריסן אין דער ברייטער וועלט אַרײַן. די רוסישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט שוין געגעבן סימנים פֿון אַרויסרייסן זיך אויף דער גאַס — צו דער ברייטער וועלט. די אידישע אַרבעטער האָבן זיך נאָך געשטיקט אין ראַנד פֿון אַ נייער עפּאָכע — אַן עפּאָכע, וואָס איז אויפֿגעקומען אין אומפֿאַרגעסלעכע, מוטיקע, רויטע קאָלירן.

די טיראַנען פֿון דער צאַרישער מאַכט, וועלכע האָבן דערשמעקט דעם אויפֿגאַנג פֿון אַ נייער אַרבעטער־באַוועגונג, — אַ קעמפֿערישע, אַ סאָציאַ־

ליסטישע — זיינען געוואָרן ווילד פון רציחה, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז אויך אין אידישן תחום המושב איז אויפגעשטאַנען אַ העלדישע, אידישע אַרבעטערשאַפט. ווי ס'איז געווען די געוואוינהייט פון צאַריזם, האָט ער זיך געוואָרפן אַף די רעוואָלוציאָנערן, אַרעסטירט, געוואָרפן אין די טור־מעס, פאַרשיקט אַף קאַטאָרגע, אין סיביר. נאָר וואָס מער מען האָט אַרעסטירט, אַלץ מער איז געוואקסן די רוועאָלוציאָנערע באַוועגונג.

אין 1901 פירט די פּאָליציי פון ווילנע דורך צוויי מאַסן־אַרעסטן. אין ערשטן אַרעסט, אין יאַנואַר, פאַרכאַפּט מען כמעט דעם גאַנצן אָנ־פירנדיקן קאָמיטעט פון די אַרבעטער. אין צווייטן איבערפאַל אַרעסטירט מען אַ גאַנצע ריי פירער פון די אָנגעשטעלטע (פּריקאַזטשיקעס). ניט גע־קוקט אַף די אַרעסטן האָבן זיך די סטרייקס געמערט. אין לויף פון דעם יאָר האָבן געסטרייקט אַלע פאַכן. ס'האָט דער פּאָליציי און דער זשאַנדאַר־מעריע גאָרניט געהאָלפן. דער קאַמף פון די אידישע אַרבעטער ווערט לעבעדיקער און וואָס ווייטער ווארפט עס אָן אַלץ אַ גרעסערע שרעק אַף דער רעגירונג. אין יענער צייט שיקט מען פון פּעטערבורג קיין ווילנע דעם באַרימטן גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן־וואַל. ער דאַרף עס זיין דער, וואָס זאָל דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער.

פאָן־וואַל איז אָנגעקומען קיין ווילנע אין האַרבסט פון יאָר 1901. זיין אָנקום האָט מען באַלד דערפילט אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן. די וואַך אַף די גאַסן איז געוואָרן שטאַרקער, דער שפּיאָנאַזש האָט זיך פאַר־צווייגט, די אַרעסטן האָבן זיך געמערט. נאָר אַזוי ווי אַף צו־להכעיס האָבן זיך די אויפרופן געמערט. אָנשטאָט אַ פּראָקלאַמאַציע איינמאָל אין צוויי וואָכן, זיינען די ווילנער גאַסן אַלע דריי־פיר טעג באַדעקט געוואָרן מיט ווייסע, געדרוקטע בלעטלעך.

די שטאָט איז געווען איינגעטיילט אַף קוואַרטאַלן. יעדער קוואַרטאַל איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון אַ באַזונדערער גרופּע. די דאָזיקע גרופּע האָט גענומען אַף זיך צו דעקן געוויסע גאַסן. פלעגט זיך דורכגיין אַ בחור מיט אַ מיידל אַף אַ שפּאַציר און באַלד פלעגן די ווילנער גאַסן זיין באַשאָטן ווי מיט אַ שניי. געווען אַזעלכע, בּאַ וועמען ס'איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן אַריינצוואַרפן פּראָקלאַמאַציעס אין די בריוו־קעסטלעך באַם גובערנאַטאָר (גאָווערנאָר), באַם פּאָליצמייסטער, פּראָקוראָר און די איבעריקע רעגירונגס־מענטשן. באַ זיי איז דאָס געווען אַ מין ספּאָרט...

פאָן־וואַל האָט ניט געהאַט קיין רואיקע מינוט אין ווילנע. וואָס מער מען האָט פאַנאַנדערגעשפּריט פּראָקלאַמאַציעס אַלץ ווינציקער האָט מען געכאַפּט די פאַרשפּרייטער. איז פאָן־וואַל געוואָרן אויפגערעגט און נערוועז:
— וואָס זיינען זיי, מלאכים אָדער שדים ? ! — שרייט פאָן־וואַל צום

פּאָליצמייסטער. — וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָליציי, וואָס קאָן קיין איינעם פון די פּראָקלאַמאַציע־פאַרשפּרייטער ניט כאַפּן ?

אַ חודש נאָכדעם ווי פּאָן־וואָל קומט אָן קיין ווילנע ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער גאַרבער־סטרייק אין סמאָרגאָן און אָשמיאַני. דער גובער־נאַטאָר ווערט פאַרצווייפלט. ער אַליין פאָרט אַפּן פּלאַץ פונעם סטרייק. נאָר די אינטערעסאַנטע געשיכטע מיט דעם דאָזיקן סטרייק און פּאָן־וואָלן וועלן מיר דערציילן אַ ביסעלע שפּעטער.

.5

בּאַ פּאָן־וואָלס אָנקומען קיין ווילנע איז שוין הירש לעקערט ניט געווען אין שטאָט. ער איז געווען פאַרשיקט אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אַרעסטירט און פאַרשיקט לעקערטן האָט מען אָט פאַרוואָס:

אין יאָר 1900 האָט מען אַרעסטירט עליע רייטשוק, דער וואָס האָט געאַרבעט מיט לעקערטן אין איין שוסטער־וואַרשטאַט, און מיט אים צוויי מיידלעך רעוואָלוציאָנערקעס. מען האָט זיי אַרעסטירט באַם פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס ווייט הינטערן שטאָט. מען האָט די אַרעסטירטע דערוויל אַריינגעפירט צום אוריאַדניק (קאָנסטעיבל). אין שטאָט פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג וועגן זייער אַרעסט. לעקערט דערוויסט זיך פון דעם. ער באַ־שליסט, אַז מען מוז די אַרעסטירטע באַפרייען.

פּאַרטאָג, ווען מען האָט די אַרעסטירטע אַרויסגעפירט פון טויער, גיט הירש לעקערט אַ סיגנאַל. פון אַלע געסלעך אַרום וואַרפן זיך הונדער־טער אַרבעטער מיט שטעקנס, מיט שטיינער, מיט דרענגער אַרויסגעריסענע פון פּלויטן. די פּאָליציי מוז אַפּלאָזן די אַרעסטירטע און אַנטלויפן.

נאָר אין דער שלאַכט זיינען אויך געווען פאַרוואונדעטע. איינער פון די פאַרוואונדעטע איז געווען כאָנע־פּייוועס, לעקערטס אַ נאָענטער חבר פון דער זעלביקער שטעטל יאַנישעק. דער אוריאַדניק האָט אים דערלאַנגט מיט אַ שווערד איבערן קאָפּ. די פּאָליציי האָט אָנגעזאָגט אַלע דאָקטוירים, אַז אַזוי שנעל ווי מען וועט זען ברענגען אַ פאַרוואונדעטן זאָל מען מעלדן. לעקערט טוט זיך און כאָנע־פּייוועס איבער אין ווייבערשע קליידער און פירט אים אָפּ אין אַ קליין שטעטל.

אָבער אויך אין שטעטל איז זיי נאָכגעגאַנגען דער פאַרדאַכט. מען האָט זיי ביידן אַרעסטירט. לעקערטן געלינגט צו אַנטלויפן פון קאָנוואָי. דעם קראַנקן ברענגט מען קיין ווילנע. מען פירט אים אָפּ אין אַ שפּיטאָל אונטער דער וואַך פון אַ פּאָליציאַנט. נאָך הירשקע לעקערט נעמט אים אויך פון דאָרט אַרויס. ער ברענגט כאָנע־פּייוועס פרויען־קליידער. דער

קראַנקער פאַרקליידט זיך און אומבאַמערקטערהייט גייט ער אַרויס דורכן טויער פון שפּיטאָל.

אַזוי וואַרפט זיך הירש לעקערט אין קאַמף קעגן די צאַרישע טיראַנען. זיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט הויבט אָן טראָגן אַן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. ער געפינט זיך אַלעמאָל אַף די געפערלעכסטע פּאָסטנס, אַלעמאָל שטעלט ער איין זיין לעבן פאַר דער אַרבעטער־זאַך. נאָך סוף־כל־סוף אַרעסטירט מען אים און מען פאַרשיקט אים קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָרט דער־הערט ער וועגן די רדיפות פון פאָן־וואַלן. ער קאָן ניט זיין רואיק. דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר טוט די אַרבעטער אָן געברענטע צרות. הירשקע לעקערט אַנטלויפט פון זיין פאַרשיקונג און קומט אָן אין געהיים קיין ווילנע. ער איז געקומען זיך אָפּרעכענען מיט דעם ווילנער בלוט־הונט פון דער צאַרישער מאַכט, מיטן גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן־וואַל.

6.

אַפן שוועל פון די העלדישע יאָרן — אַזוי באַצייכענען די היס־טאָריקער דעם יאָר 1902 אין דער געשיכטע פון די אידישע אַרבעטער.

דאָס אידישע שטעטל איז שוין געווען אַרויס טיילווייז פון איר פאַרעלטערטן פעאָדאַלן צושטאַנד. דער אַמאָליקער אַרענדאַר באַם פּריץ און דער תבואה־סוחר זיינען שוין מער ניט די רעדל־פירער פון דער אידישער קהילה. עס איז אויפגעקומען דער גרויסער אידישער פאַבריקאַנט, דער אידישער גרויסער מאַנופאַקטור־סוחר, און דער אידישער מייסטער פון שניידעריי און שוסטעריי. אין דער ריזיקער מערהייט זיינען די אידישע אַרבעטער געווען צעוואָרפן איבער די וואַרשטאַטן פון די קליינע מייסטערס. אַ שוסטער־וואַרשטאַט פון דרייסיק באַלמלאָכעס, למשל, איז אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרן פאַר כמעט אַ פאַבריק.

דער אידישער אַרבעטער איז הויפּטזאַכלעך געווען פאַרנומען אין דער קליין־אינדוסטריע.

פון דאַנען, צעשטויבטע איבער שטעטלעך און וואַרשטאַטן, הויבט זיך אַרויס אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרבעטער, וואָס ווייסט ניט פון קיין מורא, וואָס גייט אַף מסירת־נפיש. „דער אידישער אַרבעטער, דער גבירישער קרבן, הויבט שוין פון פרייהייט זיין פאָן!" — האָט געזונגען ש. אַנסקי. ער הייבט אָן פאַנאַנדערוויקלען אַן עקאָנאָמישן קאַמף — אַ קאַמף פאַר קירצערע שטונדן און העכערע שכירות. די צאַרישע רעגירונג שטעלט זיך אין וועג פון דעם עקאָנאָמישן קאַמף — קומט דער אידישער אַרבעטער צום אויספיר: אַרונטער מיט דער צאַרי־שער רעגירונג. ער גייט איבער פון עקאָנאָמישן צום פּאָליטישן קאַמף.

דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט נאָך ווי גיט איז זיך געקאָנט האַלטן אין די ראַמען פון ענגע קרייזלעך, באַהאַלטענע אין אונטערגרונט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. נאָר דער אויפקום פון פּאָליטישן באַוואוסטזיין פירט צו ברייטערע קאַמפן. דער קרייזל, די פאַרזאַמלונג אין וואַלד, די פאַרזאַמלונג באַנאַכט אַפן בית־עולם, די קרייזלעך אין די היימען ווערן פּילצאָליק און זיי זוכן אַן אויסדרוק צו דער ברייטער אָפענער וועלט.

צוזאַמען מיט די מאַסן אידישע אַרבעטער רייסט זיך הירש לעקערט פאָרויס אין אָפענעם קאַמף. נאָר באַם סאַמע אָנהויב פון זיינע אַרויסטריטן ווערט ער אַרעסטירט און פאַרשיקט. בעת ער איז אין פאַרשיקונג מאַכט דאָ אין ווילנע דערוויילּ די פּאָליציי איין איבערפאַל נאָכן צווייטן. צוויי גרויסע אַרעסטן אין יאָר 1901 טרייסלען אויף די ווילנער אַרבעטערבאַוועגונג. אַף די דאָזיקע אַרעסטן ענטפערן די אַרבעטער מיט שאַרפערן פּראָטעסט, מיט צאָלרייכע סטרייקס, מיט קורצע מאַניפעסטאַציעס אַף דער גאַס.

שיקט די צאַרישע רעגירונג פאָן־וואַל קיין ווילנע און ער נעמט זיך מאַכן אָרדענונג. די שטראָפן זיינען געווען שווערע, די אַרעסטן אומאויפהערלעך. און טאַקע צוליב די רדיפות פרעסן זיך די אידישע אַרבעטער ענגער צוזאַמען. יעדער איינער איז געווען איבערגעגעבן דעם צווייטן, יעדער איינער איז פאַרן צווייטן געווען גרייט גיין אַף מסירת־נפש. פון דעם האָט זיך געשאַפן די וואונדערלעכע דיסציפּלינירטקייט און קאָנספּיראַציע פון די אידישע אַרבעטער. אָט די דיסציפּלין און די קאָנספּיראַציע זיינען געוואָרן די פעסטונג, וואָס קיין שום פאָן־וואַל האָט ניט געקאָנט צעברעכן.

.7

דיסציפּלינירט, קאָנספּיראַטיוו, איבערגעגעבן איינער צום צווייטן זיינען געווען די אידישע אַרבעטער. נאָר דאָס הייסט גאָרניט, אַז באַ זיי זיינען קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן ניט געווען. אין יענע יאָרן איז נאָך די אידישע אַרבעטערשאַפט געווען אידייאיש ניט ווי געהעריק פאַרפעסטיקט. עס האָבן זיך אין איר נאָך אַרומגעטראָגן די פאַרשיידנסטע טעאָריעס וועגן אַרבעטער־קאַמף. איינער פון די סימנים פון אידייאישער שוואַכקייט איז געווען דער „עקאָנאָמיזם”, דאָס הייסט, אַז עס איז געווען אַ שיטה, וואָס האָט געפּרעדיקט אַז די אַרבעטער דאַרפן קעמפן בלויז פאַר עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג און זיך ניט מישן אין פּאָליטישן קאַמף. אַף דעם דאָזיקן באָדן האָט אויך געאַרבעט דער באַרימטער צאַרישער שפּיאָן זובאַטאָוו און האָט אין זיין נעץ געפאַנגען ניט איין ערלעכן

אידישן ארבעטער. ער איז נעקומען צו די אידישע און ניט־אידישע ארבעטער און אויסנוצנדיק זייערע ערלעכע מיינונגען האָט ער געזוכט זיי צו פאַרוועבן אין זיין נעץ פון שפּיאָנאַזש, זיי זאָלן אים העלפן אַרויסגעבן די פירער פון דער דעמאָלטיקער אַרבעטער־באַוועגונג. איי‎ניקע זובאַטאָווס שפּיאָנען איז טאַקע געלונגען אויפצודעקן, אַרעסטירן און פאַרשיקן קיין סיביר און אין די טורמעס אַ ריי פירער און טוער פון די אידישע אַר־בטער, — כאָטש זובאַטאָוו אַליין האָט אין ווילנע ניט אָפּערירט. זיין פּלאַץ פון אַרבעט איז געווען אין יענע יאָרן אין אַנדערע ראַיאָנען. אָבער אַנדערע שפּיאָנען, וואָס האָבן געאַרבעט אונטער אים אָדער אונטער זיין איינפלוס, האָבן זובאַטאָווס אַרבעט געטאָן אין ווילנע.

די עקאָנאָמיסטן אין די אַרבעטער־רייען זיינען, ווי געזאָגט, געווען ערלעכע אַרבעטער. איי‎ניקע פון זיי זיינען אַליין אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר. אין ווילנע האָט מען, צום ביישפּיל, אין יאָר 1899 אַרעסטירט אַבראַם גאָרדאָן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן — אַבראַם רעזטשיק. מען האָט אים פאַרשיקט אין סיביר. אין יענער צייט האָט אין דער אָפּאָזיציע אויך געווירקט הירש ביילין. ביילין האָט ניט געגלויבט אין פּאָליטישן קאַמף פון די מאַסן. ער האָט געגלויבט, אַז עס איז וויכ־טיקער צו אָרגאַניזירן אַ קליינע גרופּע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, זיי אַנטוויקלען, איידער פירן אַ מאַסן־קאַמף. ער האָט אָנגעהויבן ביטן זיינע מיינונגען אונטערן דרוק פון די מאַסן־אַרעסטן אין ווילנע. ער האָט אַליין אָרגאַניזירט אַ דרוקעריי, האָט אין יאָר 1901 אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַ־מאַציע אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז עקאָנאָמישער קאַמף איז ניט מעגלעך אָן פּאָליטישער פרייהייט. די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע איז געווען אונטערגעשריבן פון אַ „גרופּע פּאָליטיש־אַנטוויקלטע אַרבעטער". מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט מען אים אַרעסטירט.

די דאָזיקע אָפּאָזיציע האָט צו דער אָרגאַניזאַציע „בונד" ניט געהערט. זיי האָבן ניט איינגעשטימט די די פּאָליטישע אָנשויאונגען פון די בונדישע פירער און זיי האָבן זייער אַרבעט געפירט זעלבסטשטענדיק. אין דעם בונד גופא איז אָבער אויך געווען אַן אָפּאָזיציע. דאָס איז שוין געווען אינגאַנצן אַן אַנדער ענין. דאָ האָבן געקעמפט די „יונגע" קעגן די „אַלטע". די „יונגע" האָבן באַשולדיקט דעם קאָמיטעט אין „עקאָנאָמיזם". זיי האָבן נאָכאַנאַנד פאָרגעוואָרפן דעם קאָמיטעט, אַז אין דעם „קלאַסנ־קאַמף", די דעמאָלטיקע אונטערערדישע צייטונג פון „בונד", ווערט אָפּ־געגעבן צופיל אָרט דעם עקאָנאָמישן קאַמף און אַז דער קאָמיטעט לייגט זייער ווינציק אַכט אַף דעם פּאָליטישן קאַמף פון די מאַסן.

דער קאַמף אין „בונד" איז געוואָרן אַזאַ שאַרפער, אַז דער אויבער־שטער קאָמיטעט האָט אינגאַנצן פאַנאַנדערגעלאָזן די גרויסע צענטראַלע

„סכאָדקע", דאָס הייסט, דעם ברייטערן קאָמיטעט פון די פּאַרטרעטער פון די אידישע אַרבעטער, און אָװעקגעשטעלט אויף זיין אָרט אַ קלײנעם קאָמיטעט. דער „בונד" האָט שוין דעמאָלט געפונען אַן אויסרייד: אַ גרויסער קאָמיטעט, האָט ער געזאָגט, אַרבעט ניט ווי געהעריק. ס'איז געוואָרן אַ „גאָוואַרילניע" (אַן אָרט וואו מען רעדט צופיל).

דער ראַזיקער קאַמף פון די מער רעװאָלוציאָנערע עלעמענטן קעגן דער פירערשאַפט פון „בונד" אין ווילנע איז ביז גאָר וויכטיק. עס וואַרפט אַ העל ליכט אויף די צוגרייטונגען צו דער באַרימטער דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי אין יאָר 1902. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע האָט פאָן־וואַל דערשטיקט דורך אַ בלוטיקן איבערפאַל. דאָס האָט געפירט צו הירש לעקערטס שאָס אויף פאָן־וואַלן און צו לעקערטס הינריכטונג. נאָר איידער מיר באַרירן די צוגרייטונגען און די דעמאָנסטראַציע ווילן מיר דאָ זיך אָפּשטעלן אויף שיינע גרינשטיין (שיינע די קאָנווערטן־מאַכערין), וועלכע איז אין יענער צייט געווען אַקטיוו אין ווילנע און אַנדערע שטעט.

.8

חברטע שיינע איז געווען אַ טיפּיש־אידיש אַרבעטער־מיידל פון יענער צייט. זי איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1878 אין באָריסאָוו און צו צוועלף יאָר גייט זי שוין אַרבעטן אויף אַ שוועבל־פאַבריק פון הירשמאַן און סאַלאָמאָנאָוו. זי ווערט אַ פּעקערין פון שוועבעלעך. דאָס איז געווען אין יאָר 1890, ווען די פאַבריק האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט געעפנט. אין יענער צייט האָבן די פאַבריקאַנטן צוגעזאָגט גאַנצע אַכט רובל אַ מאָנאַט געהאַלט. אַ סך מיידלעך האָבן פאַרלאָזן די קלענערע ווערשטאַטן און זיינען אַוועק אַרבעטן אין דער שוועבל־פאַבריק. ביסלעכוויז האָט אָבער די פאַרוואַלטונג פון דער הירשמאַן און סאַלאָמאָנאָוו שוועבל־פאַבריק פאַר־קלענערט די שכירות. מען האָט איינגעפירט שטיק־אַרבעט און געצאָלט קלענלעכע פרייזן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ גרויל־האַפטער לאַגע. אין דער פאַבריק האָט מען געאַרבעט פון זעקס אַזייגער אינדערפרי ביז צען אַזייגער באַנאַכט.

מיטאַמאָל איז די אַדמיניסטראַציע אַרויסגעקומען מיט אַ נייער מעלדונג: זי וועט צאָלן אַכט קאָפּיקעס פאַר צוגויפּאַקן 200 קעסטלעך שוועבעלעך. ווען די מיידלעך האָבן דערהערט די מעלדונג האָבן זיי זיך צעוויינט פון פאַרדרוס. און אַזוי האָט פּאַסירט, וואָס „אויף אַ סאָבראַניע האָבן מיר זיך סאָבירעיעט", ווי מען זינגט אין „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע". די אַרבעטער־מיידלעך האָבן דאָן געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג, באַשלאָסן צו וואַרפן די אַרבעט און געגעבן אַ שבועה ניט אונטערצוגעבן זיך. דאָס איז געווען אין יאָר 1891.

אין יאָר 1893 פאָרט שיינע מיט אירע עלטערן אריבער קיין ווילנע. דאָ קריגט זי ארבעט אין אַ קאָנוועורטן־פאַבריק און טרעט גלייך אריין אין אַ קרייז, וואָס איז געפירט געוואָרן פון אַבראַם גאָרדאָן, וועמען מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. מיט אַ יאָר שפּעטער אָרגאַניזירט זיך די אָפּאָזיציע קעגן דעם איבערגאַנג צו אַ מאַסן־באַוועגונג. זי גייט אין אָנהויב מיט דער אָפּאָזיציע. עס ציט איר צו דעם לאָזונג וועגן בילדן זיך. נאָר שפּעטער פאַרלאָזט זי די אָפּאָזיציע און וואַרפט זיך אין די עקאָנאָמישע קאַמפן פון די ווילנער ארבעטער.

פון יאָר 1895 ביז 1898 געפינט זי זיך אין כאַרקאָוו. דאָ האָרעוועט זי אויף אַ קאָנוועורטן־פאַבריק. זי איז אקטיוו אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. אין יאָר 1898 ווערט זי אַרעסטירט. שפּעטער איז זי געווען אַן אַקטיווע טוערין אין ריגע, קורלאַנד. דערנאָך פאָרט זי אריבער קיין קישענעוו, וואו זי ארבעט אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי וואו עס האָט זיך געדרוקט דער „יוזשני ראַבאָטשי". אין יאָר 1901 קומט זי צוריק קיין ווילנע. זי ווערט אריינגענומען אין „צענטער", אין דער העכסטער אינסטאַנץ פון „בונד" אין ווילנע.

די רעוואָלוציע טרעפט איר אויף אוקראַינע. בעת דער „בונד" שפּאַלט זיך אין אָנהויב פון יאָר 1919 טרעט זי מיטן לינקן פליגל אריין אין קאָמוניסטן־פאַרבאַנד און צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד טרעט זי אריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

.9

מיר האָבן דאָ דערציילט בקיצור די ביאָגראַפיע פון שיינע גרינשטיין, ווייל זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ שטיק געשיכטע פון דער עפּאָכע ווען הירש לעקערט האָט געלעבט. שיינע דערציילט, אַז זי געדענקט זייער גוט יענע צייט ווען הירש לעקערט איז געווען אין ווילנע. **דוקא אין יענער צייט,** וואָס שיינע גרינשטיין איז געווען אקטיוו אין ווילנע, איז געוואַקסן די סטרייק־באַוועגונג אין שטאָט און אין די ארומיקע שטעט. אין סמאָרגאָן און אָשמענע האָט דאַן אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער גאַרבער־סטרייק.

פאָן־וואַל, דער צארישער הענקער, האָט קיין רואיקע מינוט ניט געהאַט. אין ביידע שטעט האָט מען אַרעסטירט רעכטס און לינקס. אויך די ווילנער תפיסה איז געווען איבערגעפילט מיט סטרייקנדיקע גאַרבער. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן־וואַל באַשליסט אַליין אָפּצושטאַטן אַ וויזיט אין טורמע און אָנלערנען די אידישע ארבעטער. ער קומט און הייסט אויסשטעלן אַלע ארעסטירטע בונטאָווטשיקעס. באַלד ווי מען

האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ ריי וועגדט זיך צו זיי דער גובערנאַטאָר מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

— זשידי (שינים), גייט אַרויס פֿאָרויס!

קיינער האָט זיך ניט גערירט. פֿאָן־וואַל שרייט ווידער:

— זשידי, אַרויס פֿאָרויס!

די אַרעסטירטע הערן אים ווי דעם קאָטער. פֿאָן־וואַל ווערט רויט פֿון גרימצאָרן. ער האַלט דאָן אַ רעדע, אין וועלכער ער זאָגט, אַז די בונטאָװשטשיקעס, די אַרעסטירטע, זיינען „זשידי". „יעווריייאי" (אידן) זיינען די אידישע באַלעבאַטים פֿון שטאָט, די סוחרים, פֿאַבריקאַנטן, קרעמער, מייסטערים — אַלע בכבודיקע אידן זיינען „יעווריייאי".

— איר, בונטאָװשטשיקעס, — רופֿט אויס פֿאָן־וואַל, — זייט זשידי!

אויסגערופֿן די לעצטע ווערטער איז ער אַרויסגעגאַנגען. אים האָט באַגלייט אַ הילכיקער געלעכטער פֿון די אידישע און קריסטלעכע אַרבעטער. ער האָט דערהערט דעם געלעכטער און איז אַרונטערגעלאָפֿן מיט די שטיגן.

אָט אין אַזאַ צייט וואַקסט אָן דער געדאַנק וועגן אַ דעמאָנסטראַציע דעם ערשטן מאַי 1902. אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" אַנטשטייען צוויי גרופּירונגען. אַ גרופּירונג צווישן די פֿירער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר ניט אַרויסטרעטן אױף קיין דעמאָנסטראַציעס, ווייל דאָס וועט ברענגען אַרבעטער־קרבנות. די פֿירער פֿונעם „צענטער" האָבן אינ־גאַנצן ניט געטראַכט וועגן אַ דעמאָנסטראַציע. נאָר אין דער ברייטערער „סכאָדקע", אין דעם קאָמיטעט וואו עס זיינען געווען די מענטשן וואָס קומען אין נעענטערער באַרירונג מיט די מאַסן, איז שוין די שטימונג פֿאַר אַ דעמאָנסטראַציע געווען אַ שטאַרקע. אויך דאָ האָט איין טייל געהאַלטן, אַז איצט איז ניט די צייט פֿאַר אַ דעמאָנסטראַציע, און די אַנדערע, שיינע צווישן זיי, האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר זיך פֿאַר קיין קרבנות איצט ניט אָפּשטעלן.

די דאָזיקע איינטיילונג ווייזט ווי שוואַך די בונדישע פֿירער האָבן באַנומען דעם דראַנג פֿון די מאַסן זיך אַרויסצורייסן פֿון די ענגע עקאָ־נאָמישע ראַמען צו דער ברייטער וועלט; זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דער אידישער אַרבעטער רייסט זיך צו אַ ברייטער פּאָליטישער מאַסן־באַוועגונג. און אפֿשר האָט זיי אַ ביסל געשראָקן דער געדאַנק פֿון רעוואָ־לוציאָנערן מאַסן־אַרויסטריט, ווי עס טרעפֿט אַמאָל מיט רעפֿאָרמיסטישע פֿירער. אַ רעוואָלוציאָנערער מאַסן־אַרויסטריט האָט אַלעמאָל די טענדענץ אַרויסצורייסן זיך פֿון די ראַמען, אין וועלכע אַ רעפֿאָרמיסט האַלט איינ־געשפּאַנט אַ מאַסן־באַוועגונג. אַלנפֿאַלס, די „סכאָדקע" האָט אויפֿגענומען די פּראָבלעם וועגן דער דעמאָנסטראַציע און האָט באַשלאָסן מיט אַ מער־הייט פֿון איין שטימע צו אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציע.

כאראקטעריסטיש איז, וואָס ווען די פראַגע איז אריבערגעטראָגן געוואָרן אין „צענטער" האָבן די פאָרשטייער פון דער „סכאָדקע" זיך געדארפט האַלטן אַזוי, אַז „די מיטגלידער פונעם „צענטער" זאָלן זיך ניט אָנשטויסן, אַז די פראַגע איז שוין אין פאָרויס געווען באַטראַכט", דערציילט שיינע גרינשטיין. דאָס הייסט, אַז די איניציאַטיווע פאַר דער דעמאָנסטראַציע איז גענומען געוואָרן פון די מענטשן אינעם „בונד", וואָס זיינען געווען נעענטער צו די מאַסן, און די אינטעליגענץ, די הויפּטפירערשאַפט, האָט שוין גענדאַרפט האַנדלען אַף אַ פאַרטיקן באַשלוס.

אין יענער צייט פון די צוגרייטונגען איז שיינע גרינשטיין, ערב דעם ערשטן מאַי, 1902, געפאָרן קיין סמאָרגאָן איבערגעבן אויפרופן צום ערשטן מאַי. „איך געדענק", דערציילט זי, „אַז איך האָב שטאַרק פאַרשפּעטיקט. דער זשאַנדאַר האָט זיך אַף מיר שטאַרק געבייזערט, וואָס איך בין געקומען צום דריטן קלונג (באַם דריטן קלונג גייט אָפּ די באַן). ער האָט מיר געהאָלפן זעצן זיך אין צוג, וואָס האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, און האָט מיר אָפּגעגעבן אין האַנט דאָס קוישל מיט די געהיימע אויפרופן צום ערשטן מאַי." אַף מאָרגן זעקס אַזייגער אינדערפרי איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל, אין אַלע וואַרשטאַטן, געווען פאַרשפּרייט די ערשטע מאַי פּראָקלאַמאַציע. עך, ווען דער זשאַנדאַר ווייסט, אַז באַ אים אין די הענט זיינען געלעגן די בלעטלעך, וואָס אידישע אַרבעטער האָבן אַף מאָרגן פרי געלייענט אין סמאָרגאָן!...

ווען שיינע איז צוריקגעקומען קיין ווילנע, דעם טאָג פון ערשטן מאַי, 1902, איז שוין געווען אָוונט. זי איז באַלד אוועק אַף דער דייטשער גאַס. זי איז אָנגעקומען אַהין ווען עס איז שוין אָנגעגאַנגען דער קאַמף מיט דער פּאָליציי. צו איר איז צוגעקומען אַן אַרבעטער, ער האָט איר אוועקגעשלעפּט אין אַ טויער און געזאָגט: — פאַר אייך איז דאָ איצט קיין פּלאַץ ניטאָ. גייט אַהיים. — ער האָט זי געצוואונגען אוועקצוגיין.

.10

בעת דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן־וואַל איז אַרויסגעלאָפן פון טורמע, באַגלייט פון דעם הילכיקן געלעכטער פון די אַרעסטירטע, האָט ער נאָך ניט געוואוסט וואָס מען זאָל טאָן מיט די יונגאַטשעס, וואָס גייען קעגן גאָט און קייסער. עס האָט אים געשטאָכן דער געלעכטער פון די אַרבעטער. אים איז אָבער ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן שמייסן די אַרעסטירטע. איז באַם גובערנאַטאָר געווען אַן „אוטשאָני יעוורעי", אַ געלערנטער איד, וואָס באַדינט דעם צארישן הענקער. זיין נאָמען איז קליאַטשקאָ. גיט דער דאָזיקער איד אַן עצה דעם גובערנאַטאָר וואָס צו

טאָן מיט די הולטאַיעס, די בונטאָווסטשיקעס. די וואָס ווילן ניט פאָלגן וואָס אין דער תורה שטייט און זיינען ווידערשפעניק דעם קייסער, זאָגט קליאַטשקאָ, דאַרף מען פשוט אָפּשמייסן.

באַלד נאָכדעם דערוויסט מען זיך וועגן דער עצה, וואָס קליאַטשקאָ האָט געגעבן פאָן־וואַל׳ן. אין דעם נאָענטן נומער „קלאַסנקאַמף״, צייטונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנע, איז אָפּגעדרוקט אַ קליינער פעליעטאָן, אין וועלכן עס ווערט דערציילט ווי דער גובערנאַטאָר און זיין געלערנטער איד קליאַטשקאָ זיינען מקדש די לבנה — זיי שפּרינגען דערביי צום הימל מיט ריטער אין די הענט און גיבן איינער דעם צווייטן שלום עליכם. בא די אידישע אַרבעטער פון ווילנע נעמט דער דאָזיקער פעליע־טאָן זייער שטאַרק אויס. איבער גאַנץ ווילנע רעדט מען וועגן פעליעטאָן און וועגן קליאַטשקאָס עצה.

איצט האָט שוין פאָן־וואַל געהאַט בא זיך באַשלאָסן: „שמייסן די לײדאַקעס.״ רוקט זיך אונטער דער ערשטער מאַי. דער צאַרישער הענקער פאָן־וואַל האָט געוואוסט, אַז עס וועט זיין אַ דעמאָנסטראַציע. ער האָט מאָביליזירט זיינע מיליטערישע כוחות. און אָט איז דער ערשטער מאַי, 1902!

ס׳איז זיבן אַזייגער פאַרנאַכט. ביידע טראָטוארן אַף דער דייטשער גאַס זיינען פול מיט שפּאַצירנדיקע אַרבעטער, מענער און פרויען. מען באַגריסט איינער דעם צווייטן מיטן יום־טוב. די שטימונג איז אַן אָנ־געשטרענגטע. „איך גיי אויך״, דערציילט ה. באַטווויניק, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע, און וועלכער איז נאָר־וואָס געוועזן אַראָפּ פון קראַנקן־בעט. „איך פיל אין זיך עפּעס אַ באַזונדערע גבורה. מיר דוכט זיך, אַז איך וואַקס און ווער אַלץ העכער.״

מיטאַמאָל גיט מען איבער פון מויל צו מויל: קאָנצענטרירט זיך אַף איין טראָטואַר. מען קאָנצענטרירט זיך. דער טראָטואַר איז שמאָל און מען גייט איבערן גאַס. אין דעם מאָמענט דערפילט דער זעלביקער באַטווויניק, אַז ער קאָן מער ניט אויסהאַלטן. ער רייסט זיך אַרויס אַפן מיטן גאַס און שרייט אויס:

— נידער מיט דער זעלבסט־הערשונג!

— זאָל לעבן די פרייהייט!

עס הויבן זיך אַרויס צוויי רויטע פאָנען און מאָמענטאַן ענטפערט אַ מעכטיקער הורא אַף זיין אויסרוף.

אין דעם מאָמענט באַווייזן זיך קאָזאַקן. זיי רייטן גלייך אַפן עולם. אַרבעטער רוקן זיך אַרויס, שלאָגן זיך מיט די קאָזאַקן. אַפן גאַס ליגט אַ חבר. לעבן אים ליגט אַ רויטע פאָן. מען שלעפּט אַ צווייטן צו אים. דער געשלעג דויערט. די אויפרופן פאַרהילכן די גאַסן אַרום. די פּאָליציי

שלאָגט. די גאַס ווערט פוסט. די פאַרוואונדעטע און אַרעסטירטע שפּאַרט מען צונויף. די גאַס איז אָפּגעליידיקט. מען פירט די אַרעסטירטע און פאַרוואונדעטע אין טורמע.

„די דעמאָנסטראַציע האָט זיך איינגעגעבן", דערציילט שיינע גרינ־שטיין. „דאָס איז געווען אַלעמענס איינדרוק. די געשלעגן און די אַרעסטן האָט מען דערוואַרט. אין דעם איז ניט געווען קיין איבעראַשנדיקס."

די אידישע אַרבעטער האָבן זיך אונטער רויטע פאָנען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אַרויסגעריסן אויף דער אָפענער גאַס, זיך דורכ־געשלאָגן אַן אָפענעם וועג אין דער וועלט און אין דער געשיכטע אַריין.

.11

נאָך דער דעמאָנסטראַציע אויפן גאַס איז דער הענקער פאָן־וואַל גע־קומען אין טעאַטער אַריין זיך אָפּרוען פון דער „גוטער שטיקל אַרבעט". וואָס ער האָט דורכגעפירט אויף די דעמאָנסטראַנטן. ער קומט אַריין אין לאָזשע, זעצט זיך אַוועק און אין דעם מאָמענט פליען פּראָקלאַמאַציעס, אויפרופן צום ערשטן מאַי. אַ פּראָקלאַמאַציע פליט פון דער גאַליאָרקע און פאַלט גלייך באַ אים אויפן האַנט. פאָן־וואַל ווערט אַן אויפגעקאָכטער.

נאָר־וואָס האָט ער דערשטיקט די דעמאָנסטראַציע אין גאַס און אָט איז ער אין טעאַטער און קיין רו האָט ער ניט. באַלד גיט מען אַ באַפעל אָפּצוריייניקן דעם טעאַטער פון די געהיימע בלעטלעך, נאָר ס'איז שוין געווען ווייניק וואָס אָפּצוריייניקן. די מערסטע האָבן שוין געפונען זייער וועג אין די קעשענעס פון די טעאַטער־באַזוכער.

די פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט די גאַלעריע. נאָכן ספּעקטאַקל האָט מען אַרעסטירט דרייסיק מאַן פון דער גאַלעריע. מען האָט זיי אַלע־מען אָפּגעפירט אין טורמע און דאָרט האָבן זיי זיך געטראָפן מיט אַרבעטער, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן באַ דער דעמאָנסטראַציע און דעם קאַמף אין גאַס.

אַ טאָג שפּעטער איז אין טורמע דער הויף געווען פול מיט אידישע און ניט־אידישע אַרבעטער. אַ סך האָבן מיט איינענע מיטלען זיך איבער־געבונדן די קעפ, די הענט. באַ אייניקע אַרבעטער אויף די פּנימער איז נאָך געשטאַנען דאָס פאַרטריקנט, ניט אָפּגעוואַשן בלוט. נאָר אַלע זיינען געווען פריילעך, מוטיק און טומלדיק.. דער פינף־מינוטיקער שפּאַציר ענדיקט זיך און מען טרייבט זיי אַלעמען צוריק אין טורמע אַריין.

פאָן־וואַל איז געקומען אין טורמע. דער גובערנאַטאָר האָט גע־פאָדערט פון די אַרעסטירטע:

— ווער זיינען די פאָנען־טרעגער ? !

די שפּיאָנען האָבן אָנגעוויזן אַף באַטווינניקן און אַף איינעם פֿיינבערג (הערשל דער פּריקאַזטשיק).

— פּירט זיי אַרויס אין אַ באַזונדער קאַמער! — באַפעלט פּאָן־וואַל.

— די פּאַנען־טרעגער צו הונדערט שמיץ, די איבעריקע צו פופציק שמיץ.

די אַרעסטירטע האָט מען אַרויסגעפירט אין קאָרידאָר. מיטן שמייסן האָט אָנגעפירט פּאָן־וואַל אַליין. דערביי איז געווען דער שטאָט־דאָקטאָר מיכאַילאָוו.

„ס'איז שווער", דערציילט ב. דראָזנעס, איינער פון די וואָס זיינען געזעסן אין תפיסה, „צו באַשרייבן די שרעקן פון דער עקזעקוציע... דאָס פייפן פון די קלעפּ און די ריטער האָט מען קלאָר געהערט אין אונזער קאַמער. פּאָן־וואַל האָט קאַלטבלוטיק קאָמאַנדעוועט:

— זעלטענער, שטאַרקער! זעלטענער! — איינס־צוויי, דריי... איינס־צוויי... זעלטענער, זעלטענער!" —

„דער פּיין פון די געשמיסענע", דערציילט ווייטער דראָזנעס, „איז געווען ניט צום באַשרייבן. פון זייער ברוסט האָבן זיך געריסן קרעכצן, קרעכצן פון פיזישן און מאָראַלישן ווייטאָג. נאָר מען מוז צונויפקלייבן אַלע גייסטיקע כחות, אַלע מעגלעכקייטן און ניט שרייען, ניט דער־נידעריקן זיך. מען האַלט זיך שטאַלץ, האַרט און די קרעכצן ווערן איינ־געשטילט. מיטאַמאָל רייסט זיך דורך אַ שרעקלעכער, אַלץ דורכדרינגענ־דיקער און ווייטאָגדיקער געשריי. דער געשריי פאַרשטאַרקט זיך און פאַר־שטאַרקט זיך, — ער האָט שוין ניט קיין גרענעץ, קיין מאָס. און מיט־אַמאָל ווערט דער געשריי איינגעשטילט, איינגאַנצן אַנטשוויגן... אין קאַמער פרעגט מען בא זיך: וואָס איז מיט אים? ער פילט שוין אפשר ניט קיין ווייטאָג?... אפשר האָט ער געחלשט? אָדער אפשר האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און איז געפאַלן האַלב־טויט אונטער דער לאַסט פון שאַנד! אַ מינוט פון שרעקלעכער שטילקייט... מען הערט נאָר דאָס פייפן פון די ריטער און פּאָן־וואַלס הייזעריקע שטימע:

— „איינס, צוויי, דריי... זעלטענער, שטאַרקער! שטאַרקער, זעל־טענער! איינס, צוויי, דריי...

„פּלוצים פאַרהילכט אַ מענערשער געשריי די ווענט: די אויסגע־פייניקטע נשמה פון אַן אַרבעטער — אַ סאָציאַליסט וויינט, וואַרפט זיך, זוכט אַן אויסוועג, טויט, נקמה... ניטאָ קיין גרענעץ צו דער שאַנד, ניטאָ קיין סוף צו די ליידן!

„און דאָקטאָר מיכאַילאָוו באַטראַכט דעם פולס פון דעם געפייניקטן און גיט איבער פּאָן־וואַלן: מען קאָן נאָך..."

מיאוס, עקלהאַפט, אַכזריותדיק האָט געהאַנדלט פּאָן־וואַל, דער צאַרי־שער הענקער. די אידישע אַרבעטער האָבן ניט מורא געהאַט פאַר קיין

קלעפּ. זיי האָבן זיך ניט געשראָקן פאַר קיין ביקסן און קיין שווערדן. זיי זיינען געווען גרייט צו לייגן זייערע קעפּ אין קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, נאָר זיי האָבן ניט געקאָנט אריבערטראָגן די שאַנד, וואָס מען האָט זיי, גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן, געשמיסן אפן הוילן לייב.

.12

אַראָפּגעלאָזט האָבן די אַרבעטער געהאַלטן זייערע קעפּ, נאָר די אידישע פאַבריקאַנטן, ווי אַלע פאַבריקאַנטן, און די אידישע סוחרים און מייסטערס, האָבן געהאַלטן זייערע קעפּ הויך. די זעלביקע מענטשן וואָס האָבן בעת דער דעמאָנסטראַציע זיך באַהאַלטן הינטער פאַרמאַכטע לאָדנס און אַרויסגעקוקט דורך שפּאַרונעס, אָדער די רייכע, וואָס האָבן פון די באַלקאָנען געקוקט און געקליבן נחת ווי פאָן־וואַל צעטרייבט די דעמאָנ־סטראַציע אפן גאַס, האָבן זיך געפרייט:

— אַ רעכט אַף זיי, אַף די לײַדאַקעס! זאָלן זיי זיך ניט אָנהויבן מיטן קייסער. זאָלן זיי ניט לייקענען אין גאָט.

דער איד קליאַטשקאָ איז געווען ניט דער איינציקער, וואָס האָט געהאַלטן פון דער מצוה: שמייסן. אויך די אידישע פאַבריקאַנטן און די קליינבירגער האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ גוטער מידה. אַזוי דערציילט, למשל, שיינע גרינשטיין, אַז ווען זי איז נאָך דער דעמאָנסטראַציע געקומען צו אירע עלטערן אין דער היים האָט דער פאָטער איר געזאָגט:

— אַ שאָד וואָס מען האָט דיך אויך ניט אַרעסטירט! ווען מען וואָלט אייך דאָרט אַלעמען אָפּשמייסן, וואָלט איר גוואוסט ווי אַ צווייטן מאָל ניט צו קריכן.

און אין שטאָט, דערציילט שיינע גרינשטיין, האָט געקאָכט. דאָס קליינבירגערטום האָט געקוואָלן פון נחת:

— אָנגעלערנט די יונגאַטשעס.

ווען שיינע גרינשטיין איז נאָכאַמאָל געווען באַ איר טאַטן און האָט דאָרט באַגעגנט די זעלביקע שטימונג איז איר פאַרדרוס געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זי האָט, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, געזאָגט:

— וואַרט, עס וועט זיך דערמיט ניט ענדיקן. מען וועט פון פאָן־וואַלן נקמה נעמען.

מיט די ווערטער, אַרויסגעזאָגט ניט אויסרעכענענדיק, האָט שיינע גרינשטיין אייגנטלעך אויסגעדריקט אַט דעם געפיל פון צאָרן און נקמה, וואָס האָט געקוואָלן אין די הערצער פון די אידישע אַרבעטער אין ווילנע. די שטימונג איז געווען, ווי זי אַליין זאָגט עדות:

— נקמה! — נאָר דאָס איז דער איינציקער ענטפער! נאָר דאָס קאָן ברענגען אונז און די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע צו זיך.

שיינע גרינשטיין אַליין איז געווען פאַר נקמה, כאָטש דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן געדאַנק. אין יענעם מאָמענט איז אויף דער אָרענע דערשינען הירש לעקערט.

.13

הירש לעקערט איז געווען אַ אידישער אַרבעטער — דער שאָס אויף פאָן־וואַלן און לעקערטס הינריכטונג האָבן אויפגעשטורעמט די אידישע אַרבעטער איבער דער גאַנצער וועלט. די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז ביז היינט שטאָלץ מיט איר גרויסן העלד און שטאָלץ וועט זי בלייבן לדור דורות. נאָר עס האָבן זיך געפונען געוויסע מענטשן, וואָס האָבן געפּרואווט הירש לעקערטס העלדן־אַקט פאַרוואַנדלען אין אַ ניצאַאָנאַליס־טישע פאָן. די גאַנצע באַוועגונג קעגן פאָן־וואַלן איז פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי עס וואָלט געווען אַ זאַך בלויז פון אידישן אַרבעטער, אין וועלכער עס האָבן קיין קריסטלעכע אַרבעטער זיך ניט באַטייליקט.

די געשיכטע פון יענע יאָרן, די געשיכטע פון דער צוגרייטונג צו דער דעמאָנסטראַציע און די דעמאָנסטראַציע גופא דערציילן גאָר דעם היפוך. פאָן־וואַל האָט נאָך אין דער ווילנער טורמע, בעת מען האָט דאָרט געבראַכט די אַרעסטירטע סמאַרגאָנער און אָשמענער גאַרבער, געשריען:

— זשידי — פּאָרוים! — דאָס דערציילט, אַז פאָן־וואַל האָט געוואָלט איזאָלירן די אידישע אַרבעטער פון די קריסטלעכע. דאָס הייסט, אַז די קריסטלעכע אַרבעטער זיינען יאָ געווען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג, אַז זיי האָבן זיך שוין אַקטיוו באַטייליקט אין יענע גרויסע היס־טאָרישע קאַמפן.

ערב דער דעמאָנסטראַציע, ווען מען האָט געשטעלט די פראַגע וועגן אָפענעם אַרויסטריט דעם ערשטן מאַי, האָבן די בונדישע פירער פונעם „צענטער" געהאַלטן, אַז עס איז ניט ראַטזאַם, אַז די כוחות־פאַרהעלטענישן זיינען ניט קיין גלייכע, אַז די אַרעסטן און רעפּרעסיעס האָבן אָפּגעשוואַכט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג און עס וואָלט געווען אַ נוצלאָזע דעמאָנ־סטראַציע. איינער פון די מאָטיוון פאַרוואָס זיי זיינען געווען קעגן אַ דעמאָנסטראַציע איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געגלויבט, אַז די קריסטלעכע אַרבעטער וועלן קומען.

דאָס אַלץ האָט אויף אַ טייל אידישע מענטשן, ספּעציעל נאַציאָנאַליסטן, געלאָזט דעם איינדרוק, אַז די אידישע אַרבעטער זיינען געגאַנגען אַליין אין דעם אָפענעם, אומגלייכן קאַמף קעגן צאַריזם. אָבער דער אמת איז

פונקט אַ היפּאָכדיקער. די זעלביקע שיינע גרינשטיין דערציילט, אַז די קריסטלעכע אַרבעטער זיינען יאָ געקומען צו דער דעמאָנסטראַציע. זי זאָגט: „איינשטעלן די פאַרבינדונג מיט די ניט־אידישע אַרבעטער אָר־גאַניזאַציעס איז געווען איבערגעגעבן דעם קאָמיטעט. צו דער דעמאָנ־סטראַציע זיינען ווירקלעך געקומען אויך פּוילישע אַרבעטער." אין טורמע, באַם שמיסן, האָט אַ פּוילישער אַרבעטער געפּאָדערט מען זאָל אים ניט אויסטיילן פון די אידישע אַרבעטער. אַף דעם דאָזיקן פאַקט זאָגן עדות אויך אַ ריי אַנדערע טוער פון יענער צייט. אין דעם פּלאַן איבער־צופאַלן פאָן־וואַלן האָט זיך אויך באַטייליקט באָלעסלאַוו סענדעראַצקי, אַ פּוילישער אַרבעטער, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן אַלס איינער פון לעקערטס טעראָריסטישן קרייזל. דער פאַרזוך פון געוויסע נאַציאָנאַליסטן פאַרצושטעלן הירש לעקערטן און זיין שאָס אַף פאָן־וואַלן ווי אַן אַקט פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ איז דורכאויס אַן אומבאַרעכטיקטער. הירש לעקערט האָט גענומען נקמה ניט בלויז פאַר די געשמיסענע אַרבעטער, נאָר פאַר די רדיפות פון פאָן־וואַלן און די צאַרישע הענקער אַף דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, און דערביי האָט ער אָפּגעווישט דעם שאַנד־פלעק, וואָס פאָן־וואַל האָט אָנגעטאָן דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

.14

וועז הירש לעקערט איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
געזאָגט האָט ער אַ גוטינקע נאַכט . . .

אַזוי זינגען היינט מיליאָנען אידישע אַרבעטער דאָס ליד פון הירש לעקערט, וועלכער איז באַלד נאָך דער דעמאָנסטראַציע דערשינען אַף דער אַרענע. ער איז געלאָפן פון פאַרשיקונג אין יעקאַטערינאָסלאַוו כדי נקמה צו נעמען, זיך אָפּרעכענען מיט דעם טיראַן פאָן־וואַל.

אין דעם קאָמיטעט פון „בונד" האָט מען געפירט לאַנגע און הייסע ויכוחים ווי אַזוי צו ענטפערן אַף דער שאַנד, וואָס פאָן־וואַל האָט גע־בראַכט אַף די אידישע אַרבעטער. דעם שאַנד־פלעק האָט מען געמוזט אָפּווישן — דאָס האָט געפילט יעדער אידישער אַרבעטער. נאָר ווי אַזוי? די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען פּרינציפּיעל געווען קעגן טעראָר. נאָר אָט איז צום קאָמיטעט געקומען אַ פאָדערונג, אַז ער זאָל אַרויסהעלפן אַ גרופּע, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט צו נעמען נקמה אָן פאָן־וואַלן. דער קאָמיטעט האָט זיך פון דער פאָדערונג אָפּגעזאָגט, נאָר ער האָט גאָרניט געטאָן כדי צו פירן אַ קאַמף קעגן די טעראָריסטישע שטימונגען באַ די מאַסן. איינער פון די פירער פון קאָמיטעט, גורעוויטש, ווי עס דערציילט איסאַק מיצקון, האָט אַרויסטרעטנדיק קעגן טעראָר געזאָגט:

„דער קאָמיטעט, אַלס אַן אַנשטאַלט, קאָן ניט באַהילפיק זיין דעם טעראָר, נאָר אַנדערע מיטגלידער, וואָס פילן־מיט דעם געגעבענעם אַקט, קאָנען קומען צוהילף דער גרופּע — דאָס איז זייער פּריוואַטע זאַך.״

דאָס איז געווען די שטימונג באַם הויכן קאָמיטעט פון „בונד״ שוין נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז עס וועט זיך געפינען ווער עס זאָל נעמען נקמה פאַר דעם שענדלעכן אַקט פון פאָן־וואַלן. אין דער פּראָקלאַמאַציע זאָגט זיך:

„גענאָסן! דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן, ווען מיר שטעלן זיך פאָר דעם שענדלעכן אַזיאַטישן בילד... אַרויסטרעטנדיק אויף אַ שטרייט קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, האָבן מיר געוואוסט וואָס אונז שטייט פאָר. מיר האָבן געוואוסט, אַז אונזער וועג וועט זיין אויסגעזייט מיט שטעכעדיקע דערנער; אַז לאַנגע יאָרן טורמע און סיביר, הונגער און קעלט דערוואַרטן אונז אויף דעם וועג. און מיר האָבן שוין דערוויזן, אַז דאָס אַלץ קאָן אונז ניט אָפּשרעקן, אַז דאָס אַלץ קאָנען מיר אַריבערטראָגן. נאָר אַלעמאָל און אומעטום, אין די שווערסטע מינוטן פון אונזער לעבן, האָבן מיר רעוואָלוציאָנערן געהיט און פאַרטיידיקט אונזער מענטשלעכע ווירדע. אויף באַליידיקונג האָבן מיר געענטפערט מיט באַליידיקונג, אויף גוואַלט האָבן מיר געענטפערט מיט גוואַלט.

„מיר קאָנען ניט דענקען און רעדן רואיק וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילנע. פון טויזנטער ערלעכע הערצער רייסט זיך אַרויס איין אַלגעמיינער געשריי: נקמה, ראַכע!״

און ווייטער זאָגט די פּראָקלאַמאַציע, אַז „אונזער פּאַרטיי איז קעגן פּאָליטישן טעראָר״, נאָר אויף „פאָן־וואַלס ווילדע מעשים, זיינען מיר זיכער״, וועט קומען אַן ענטפער. „מיר זיינען זיכער, אַז פון אידישע פּראָלעטאַריאַט וועט אויפשטיין אַ ראַכע־נעמער, וועלכער וועט זיך נוקם זיין פאַר דער דערנידעריקונג פון זיינע ברידער.״

די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע איז שוין געווען אָפּגעדרוקט ווען עס האָט זיך דערהערט הירש לעקערטס שאָס. האָט די זעלביקע פּראָקלאַמאַציע צוגעגעבן נידעריקער: „דער פאַקט באַווייזט אונז, אַז די זיכערקייט וועלכע מיר האָבן אויסגעדריקט אין אונזער אויפרוף, אַז די אידישע אַרבעטער וועלן ענטפערן ווי געהעריק דעם, וועלכער האָט זיי אַזוי שענדלעך באַליידיקט — האָט אונז ניט פאַרפירט.

„דאָס אידישע פּראָלעטאַריאַט האָט אַרויסגעשטעלט פון זיך אַ ראַכע־נעמער.

„ערע דעם ראַכע־נעמער, וועלכער האָט זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן פאַר זיינע ברידער!״

.15

עדות דערציילן: מען ברענגט הירש לעקערטן אין טורמע, נאָכן שאָס, ריכטיקער — צוויי שאָסן. ער האָט פאָן־וואַלן אריינגעשאָסן איין קויל אין האַנט און איין קויל אין פוס. נאָר באַלד נאָכדעם, ווען מען האָט אים געבראַכט אין טורמע, האָט אַן ארעסטירטער אים געזאָגט:

— דו ווייסט, ס'וועט דיר דערפאַר קומען די שטריקל.

— וועל איך זיי אַלעמען האָבן אין דער ערד, — האָט הירש לעקערט געענטפערט.

ער איז געווען אַ מוטיקער מענטש, אַ זעלטן־העלדישער, ווי עס ווייזט די ווייטערע געשיכטע ביז דער סאַמע לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

געשאָסן האָט הירש לעקערט אין פאָן־וואַלן דעם 5טן מאַי, 1902, דאָס הייסט פופצן טעג נאָכדעם ווי מען האָט דעם צווייטן מאַי דורכגעפירט דעם שענדלעכן אַקט מיטן שמייסן די דעמאָנסטראַנטן. די גאַנצע צוויי וואָכן האָט הירש לעקערט זיך געגרייט. ער האָט זיך געגרייט צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע. (אין אַלטן צאַרנלאַנד פלעגט מען פייערן דעם ערשטן מאַי לויטן אַלטן קאַלענדאַר־סטיל, דאָס הייסט, דעם 18טן אַפּריל.)

לעקערט האָט פאָן־וואַלן אָפּגעוואַרט באַם ארויסגיין פון צירק אַף לוקישקי. ס'איז געווען צוועלף באַנאַכט. לויטן אָפּמאַך מיט דער גרופּע, וועלכע האָט געאַרבעט מיט אים, האָט הירש לעקערט געדאַרפט שיסן אין פאָן־וואַלן און אַנטלויפן. גלייכצייטיק זאָל איינער אויסשיסן פון אַן אַנדער ריכטונג, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. הירש לעקערט איז געקומען צום צירק אַף לוקישקי, אַ פערטל מייל פון שניפּישאָק, אַ ווילנער פאָרשטאָט, און האָט אויסגעשאָסן צוויי מאָל אין פאָן־וואַלן, ווען יענער איז מיט זיין סוויטע ארויס פונעם צירק. גלייכ־צייטיק האָט זיך דערהערט אַ דריטער שאָס. נאָר די פּאָליציי, וועלכע האָט דעם דריטן שאָס דערהערט, האָט זיך דאָך געוואָרפן אַף הירש לעקערטן, וועמען זי האָט געקאָנט פון פריער. ער איז אין ווילנע געווען אומלעגאַל, פריער אַן ארויסגעשיקטער, האָט די פּאָליציי אים באַמערקט דעם ערשטן.

אין „פּראַוויטעלסטוועני וועסטניק" פון אַכטן מאַי איז וועגן דעם דאָזיקן אַטענטאַט אָפּגעדרוקט די פאָלגנדיקע מעלדונג:

„דעם פינפטן מאַי, 12 אַזייגער באַנאַכט, איז אַפן אָרטיקן גובער־נאַטאָר, גענעראַל לייטענאַנט פאָן־וואַל, געמאַכט געוואָרן אַן אָנפאַל צוליב, ווי עס ווייזט אויס, פּאָליטישע מאָטיוון. דער גענעראַל איז לייכט פאַר־וואונדעט געוואָרן דורך צוויי שאָסן פון אַ רעוואָלווער אין האַנט און אין

פום. דער פאַרברעכער איז פאַרהאַלטן געוואָרן אַפן שטעל און ווערט איבערגעגעבן דעם מיליטער־געריכט.״

דער צאַר ניקאָלאַי האָט באַלד נאָך הירש לעקערטס אַטענטאַט געשיקט פאָן־וואַלן די פאָלגנדיקע באַגריסונג:

„נעמט צום אויסדרוק מיין אויפריכטיקע פרייד צוליב אייער ניצול ווערן און הערצלעכע וואונטשן גיך און פולקום געזונט צו ווערן.

אונטערגעשריבן: ניקאָלאַי.״

דער דעמאָלטיקער מיניסטער פאָן־פלעווע, איינער פון די פינצטערסטע הענקערס אין צאַרנלאַנד, שיקט פאָן־וואַלן די פאָלגנדיקע טעלעגראַמע:

„אַ דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט אייך געראַטעוועט פון דער האַנט פונעם מערדער. צוזאַמען מיט אַלע וואוילגעזאָנענע מענטשן פריי איך זיך מיט דער דאָזיקער רעטונג. איך שיק אייך אַ פריינטלעכן גרוס.

אונטערגעשריבן: פאָן־פלעווע.״

הירש לעקערטס שאָס האָט אַ רודער געטאָן די גאַנצע צאַרישע אימפעריע און אַזש דער קייסער ניקאָלאַי אַליין און זיין מיניסטער האָבן זיך אָפּגערופן מיט אַ מיטגעפיל פאַר פאָן־וואַלן. דאָס איז פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט האָט אָבער הירש לעקערטס שאָס אַרויסגערופן אַן אומגעהויערע פרייד בא די מאַסן. די אידישע אַרבעטער אין ווילנע האָבן שוין ניט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. דער שאַנד־פלעק איז אָפּגעווישט געוואָרן. דער וועג צו אָפענע, ברייטע און פאַרטיפטע מאַסן־קאַמפן האָט זיך געעפנט. דאָס האָבן אָפּגעשאַצט די אידישע אַרבעטער. מיט די אידישע אַרבעטער, האָט מען געזאָגט אין ווילנע, טאָר מען זיך ניט שפּילן, מען טאָר זיי ניט באַליידיקן.

נאָר הירש לעקערט איז אַרעסטירט געוואָרן. און אָט זיצט ער אין טורמע און מאָלט מיט שוואַרצן קויל אַפן שטיינערנעם דיל — אַ תליה. ער האָט געוואָלט אויסמאָלן און זען פאַר זיך ווי עס וועט אויסזען די תליה, אַף וועלכער מען וועט אים הענגען. ווען מען איז געקומען אים נעמען צום פּלאַץ פון היגריכטונג, האָט מען אים געזאָגט, אַז מען נעמט אים צו פאַרשיקן אַף קאַטאָרגע. אַף דעם האָט לעקערט געענטפערט:

— איך וויים וואוהין מען פירט מיך און איך בין גרייט.

דערנאָך האָט אים דער פּראָקוראָר געפרעגט, צי פאַרלאַנגט ער ניט קיין רב. לעקערט האָט געבעטן דעם פּראָקוראָר מען זאָל אים כאָטש ניט באַאומרואיקן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. נאָר ווען ער איז שוין געשטאַנען אַף דער תליה האָט דער ראַבינער אים נאָך אַמאָל געפרעגט, צי ער וויל זאָגן וידוי. אַף דעם האָט שוין הירש לעקערט געענטפערט:

— אויב איר ווילט ניט איך זאָל אייך אָפּזידלען פאַר מיין טויט, טאָ גייט פון מיר באַלד אוועק.

פריער האָט אים דער ראַבינער געהאַט פאַרגעשלאָגן ער זאָל אַרויס־געבן זיינע חברים, וועט מען אים דערפאַר באַגנאַדיקן. האָט אים לעקערט געענטפערט: — גייט, פּראָוועט ערגעץ אַנדערש אייערע קאָמעדיעס! — איצט, צום צווייטן מאָל, איז שוין הירש לעקערט געווען אין כעס אויף דער חוצפּה פון דעם ראַבינער. ער האָט אים שאַרף געזאָגט, אַז ער וועט אים אָפּזידלען. און דער ראַבינער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

.16

דעם 28טן מאַי האָט מען אויפגעהאַנגען הירש לעקערטן, דעם אידישן אינגל פון דער שטעטל יאַנישעק, קאָוונער גובערניע. די הינריכטונג פון פאָרגעקומען אינמיטן דער נאַכט. דורכגעפירט די הינריכטונג האָט דער הענקער, וואָס איז ספּעציעל אַרויסגערופן געוואָרן פון סאַמע פּעטערבורג. אויף „וואָיענע פּאָליע" (מיליטער־פעלד) אין ווילנע זיינען געווען פיר באַטאַ־ליאָנען סאָלדאַטן, אַ דאָקטאָר, דער קאַזיאָנער ראַבינער און נאָך אייניקע פּערזאָנען. דעם רב נעמזער האָט מען אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט און אים געפירט צום אָרט פון דער הינריכטונג.

דער רב נעמזער האָט אים פאַרן טויט געראָטן ער זאָל מתפּלל זיין, ווייל ער האָט פאַרבראָכן קעגן געבאָט לא תרצח (זאָלסט ניט מאָרדן). הירש לעקערט האָט אויף דעם געענטפערט, אַז אין תפילות נויטיקט ער זיך ניט. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם געבאָט זאָלסט ניט מאָרדן, וואָלט ער, דער רב, דאָס געדאַרפט זאָגן פאָן־וואַלן און די צאַרישע הענקער. ער האָט מער ניט געוואָלט רעדן מיטן רב און איז אַליין אַרויף אויף דער תליה. ער האָט זיך אין די לעצטע מינוטן געהאַלטן ווי אַן אמתער העלד.

דער הענקער האָט פאַרצויגן די שטריק אויף זיין האַלז, אַרויסגעשלאָגן דעם בענקל פון אונטער די פיס און אין עטלעכע מינוט איז שוין לעקערט געווען טויט!...

מען האָט אים באַגראָבן דאָ אויפן אָרט, אויף „וואָיענע פּאָליע". דעם קבר האָט מען פאַרשאָטן און די פיר באַטאַליאָנען סאָלדאַטן האָבן אויף דעם געטראָטן, מאַרשירנדיק איבערן קבר. די סאָלדאַטן האָבן איינגעטראָטן מיט די פיס דעם קבר, פאַרגלייכט אים מיט דער ערד, כדי מען זאָל ניט וויסן אויף וועלכן אָרט עס רוט הירש לעקערטס געביין.

וועגן לעקערטס העלדישקייט באַם שטאַרבן דערציילט אַן אָפיצער פון דער צאַרישער אַרמיי, וועלכער איז געווען פאַררעכנט אַלס סאָציאַל־

דעמאָקראַט. לויטן פאָרשלאָג פון אַ פּאַרטיי־מיטגליד איז ער איבער־געגעבן געוואָרן צום פּאַרטיי־געריכט, ווייל ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט אַנוועזנד זיין צוזאַמען מיט זיין ראָטע באַם הענגען הירש לעקערטן. דער אָפּיצער, כלאַפּאָוו איז געווען זיין נאָמען, איז געקומען צום פּאַרטיי־געריכט און דערקלערט אַט־וואָס:

„דער באַפעל אָפּצוהיטן די אָרדענונג אַפן מיליטער־פעלד, וואו ס'איז פאָרגעקומען לעקערטס קעפּונג, האָט זיך באַקומען באַנאַכט און איך האָב געהאַט די פולע מעגלעכקייט ניט צו גיין אַהין. מיין אַנוועזנהייט דאָרט איז גאָרניט געווען אַזאַ חוב. נאָר איך האָב זיך אַליין אַרויסגערופן, כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין זייער פּיינלעך פאַר מיר. איך האָב געוואָלט זיין באַם לעצטן אָטעם פון אַ חבר, רעכענענדיק, אַז ער וועט אַף אַזאַ אופן צווישן דעם פיינטלעכן המון קאָנען דערזען אויגן וואָס פילן אים מיט. באַ־גינען זיינען מיר אַרויס. ווי מיט אַ קייט האָבן די סאָלדאַטן אַרומ־גערינגלט די תליה. ס'איז אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. אַט פאָרט צו אַ קאַרעטע מיט לעקערטן. ער זעט אַפּנים ניט די תליה. ווען ער איז אָבער צוגעקומען נעענטער און האָט עס דערזען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ ביסל אַ רוק געגעבן אַף צוריק. דאָס האָט גע־דויערט נאָר איין מאָמענט. באַלד איז ער מונטער אַרויף אַפן עשאַפאָט. איך בין נעענטער צוגעגאַנגען צו אים. לעקערט איז די גאַנצע צייט געווען פולקום רואיק און מיר האָט זיך גדוכט, אַז ער וועט זייער לייכט שטאַרבן.‟

באַ די ווערטער האָט זיך דער אָפּיצער צעוויינט, ווי אַ קינד.

דער איינציקער עדות, דער מיליטערישער דאָקטאָר גוסאַרעוו, האָט באַם געריכט באַשטעטיקט, אַז דער אָנגעקלאָגטער כלאַפּאָוו וואָלט, ווען ער וואָלט פאַרלאַנגט, געקאָנט ניט אַנוועזנד זיין באַ לעקערטס קעפּונג.

דער געריכט האָט איינשטימיק באַרעכטיקט כלאַפּאָווס שריט.

.17

אַזוי האָט די צאַרישע מאַכט אומגעבראַכט דעם העלדישן אידישן אַרבעטער־אינגל הירש לעקערט. מיט די שטיוואַלעס פון אירע סאָלדאַטן האָט זי געוואָלט פאַרווישן דעם שפּור פון זיין געדעכעניש — כדי ער זאָל אָפּגעמעקט ווערן פון דער ערד. נאָר זי האָט הירש לעקערטן ניט געקאָנט טויטן — הירש לעקערטס קעפּונג איז געווען אַן אָנזאָג פון איר אייגענער נאָענטער מפּלה. באַלד נאָך הירש לעקערטס טויטן האָבן די רעוואָלוציאָ־

נערע כוואליעס גענומען שטייגן אלץ העכער. די מאסן־קאמפן האבן זיך פאנאנדערגעוויקלט און זיי האבן דערפירט צו דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע פון דעם יאר 1905.

איצט, נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, האט די סאוועטן־מאכט אויסגעשטעלט א מאנומענט אין דער שטאט מינסק פאר דעם אידישן ארבעטער, דעם העלד הירש לעקערט, דאס קינד פון דער אידישער געטא, וועלכער האט דער ערשטער, א מוטיקער, אויפגעהויבן זיין האנט נקמה צו נעמען פאר די באליידיקטע אידישע ארבעטער. היינט ווערט הירש לעקערט באזונגען אין לידער און אין דראמעס פון די גרעסטע דיכטער. נאר די דיכטער האבן באזונגען הירש לעקערטן ערשט נאכדעם ווי צענדליקער יארן נאכאנאנד האט דאס פאלק אים אריינגענומען אין זיין הארצן און אים באזונגען אין זיינע אייגענע לידער.

איך געדענק, כאטש איך בין דאן געווען א אינגל פון אכט יאר אין א ליטווישער שטאט, ווי מיטאמאל איז בא מיין עלטערן ברודער, א בונ־דיסט, אויפגעקומען א ניי ליד. איך האב געהערט ווי אף דער „סכאדקע" בא אים אין שטיבל האט ער און זיינע חברים און חברטעס אין א הייליקער שטימונג, מיט איינגעהאלטענע שטימען, געזונגען דאס ליד פון הירש לעקערט :

אזוי ווי הירשקע איז פון שטוב ארויסגעגאנגען,
געזאגט האט ער א גוטינקע נאכט ;
אזוי ווי הירשקע איז צום צירק צוגעגאנגען,
א קליינע ווייל האט ער דארט פארבראכט.

אין יענער נאכט, געדענק איך, האט מיין ברודער מיר אנגעטאן אף די פלייצעס א פאק, איינגעוויקלט אין א גרויסן ליילעך. אינעווייניק איז געווען א ביסל גרעט און א קישן, נאר אין קישן זיינען געווען „טרייפענע" בלעטלעך, וואס איך האב אפגעטראגן דורך א זייטיקער גאס (לאנגע גאס, שאוול, קאוונער גובערניע) אף דער צווייטער זייט שטאט צו א געהיימער קווארטיר.

און ווידער דערמאנט זיך מיר א זומערדיקער שבת פארנאכט. מיין מאמע זיצט באם אפענעם פענצטער און קוקט ארויס אין דרויסן. אין הויז איז שוין שטיל, רואיק. די געסט, דעם ברודערס חברים און חברטעס, וואס זיינען אפן וועג צוריק פון דער פארזאמלונג געקומען צו מיין מאמעס אפענער טיר און גרייטן טיש איבערכאפן דאס הארץ, זיינען שוין געווען אוועק אף דער בירזשע, זיך טיילן מיט די איינדרוקן פון דער פארזאמלונג. אט אין דעם מאמענט איז מיין מאמע, א גאנצע וואך א פארהארעוועטע און פאריאגטע אין יאך פון פרנסה, געזעסן באם אפענעם פענצטער. אירע אויגן האבן געקוקט אפן פארנאכטיקן הימל און מיט איר שטילער, פרישער

שטים האָט זי עפּעס געזונגען. איך בין צוגעגאַנגען נאָענט צו איר, זי האָט מיך אַרומגענומען און געזונגען אַ ניגון:

און ביסטו געפאַלן אַ טויטער,
די אויגן, די ליפּן פאַרמאַכט;
איך וויקל דיר איין אין דער פאָנע דער רויטער,
און גיי מיט דיר אין בלוטיקער שלאַכט.

איך האָב דאַן ניט געוואוסט די באַדייטונג פון דעם ליד, מיין מאַמע האָט ניט געזונגען די ווערטער, בלויז דעם ניגון, וואָס איז געווען אַזוי שיין און צאַרט, און טרויעריק און מוטיק. נאָר מיט יאָרן שפּעטער איז מיר דאָס דאָזיק בילד אויפגעשוואומען אַלמאָל ווען הירש לעקערטס לעבן און טויט איז מיר געקומען אפן זינען.

אַזוי האָבן די אידישע פאָלקס-מאַסן אַריינגענומען הירש לעקערטן צו זיך אין הארצן און האָבן אים געטראָגן ווי אַ בלוטיק-רויטע פאָן אין די קאַמפן קעגן צאַריזם. אַזוי איז זיין טויט בא די אידישע אַרבעטער געוואָרן אַ פאָן פון קאַמף קעגן אַלץ וואָס איז פינצטער ניט בלויז אינעם אידישן לעבן, נאָר אינעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן לעבן.

נאָך היינט, מיט 35 יאָר שפּעטער, שטייען מיר מיט געבויגענע קעפּ אין אָנדענק פון הירש לעקערט, דעם ליטוויש-אידישן שוסטער-אינגל, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין יאַנישעק, קאָוונער גובערניע, און איז אויפגע-האַנגען געוואָרן פון צאַרישן דינער, גענעראַל-גובערנאַטאָר פאָן-וואַל, אַף „וואָיענע פּאָליע״ אין ווילנע.

אַפּגעווישט איז פאָן-וואַל פונעם פּנים פון אַ זעקסטל פון דער ערד און לעקערטס אָנדענק גייט אויף אַלץ ליכטיקער און ליכטיקער. אַפּגעווישט זיינען די הענקער פון לעקערטן אַף יענעם זעקסטל פון דער וועלט און עס איז אויפגעקומען אַ מעכטיק, סאָציאַליסטיש אַרבעטער-לעבן — אַ לעבן פאַר וועלכן דער שוסטער-אינגל פון יאַנישעק, קאָוונער גובערניע, האָט אויסגעטראָטן אַ וועג מיט זיין לעבן און טויט.

הירש לעקערט

אַזוי ווי הירשקע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
געזאָגט האָט ער אַ גוטינקע נאַכט.
אַזוי ווי הירשקע איז צום צירק צוגעגאַנגען,
אַ קליינע ווילע האָט ער דאָרט פאַרבראַכט.

אַזוי ווי הירשקע איז צו דער קאָסע צוגעגאַנגען,
אַ בילעט האָט ער געבעטן אַף גיך.
אַזוי ווי הירשקע איז אין צירק אַריינגעגאַנגען,
גענומען קוקן האָט ער אַרום זיך.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף,
דאָס פובליקום האָט גענומען גיין אַהיים.
אַזוי האָט הירשקע פון זיין אָרט זיך אויפגעהויבן,
באַם גובערנאַטאָרס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין.

באַם גובערנאַטאָרס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין,
אַזוי האָט ער פאַרקריצט מיט די ציין :
„אוי, ווי דערלעבט מען שוין די מינוט,
דער גובערנאַטאָר זאָל פון צירק אַרויסגיין."

ווי דער גובערנאַטאָר איז פון צירק אַרויסגעגאַנגען,
מיט אַן אויג האָט ער געוואָרפן גאַנץ ווייט.
אַזוי האָט הירשקע דעם רעוואָלווער אַרויסגענומען,
און געשאָסן דעם גובערנאַטאָר אין אַ זייט.

אַזוי ווי די טיראַנען האָבן דעם שאָס דערהערט,
אַזוי זיינען זיי אים אַנטקעגן געקומען ;
זיי האָבן אים גאַנץ גוט באַמערקט
און האָבן אים גלייך צוגענומען.

ווי זיי האָבן אים נאָר צוגענומען,
איז געוואָרן אַ גרויס גערודער ;
איין חבר האָט געזאָגט דעם צווייטן :
מיר האָבן פאַרלאָרן דעם בעסטן ברודער.

אַזוי ווי מען האָט הירשקען אַרעסטירט,
האָט מען געבעטן ער זאָל דעם אמת אויסגעבן.
— אַוועק, איר שרעקלעכע מערדער,
איך האָב געוואָלט דער טיראַן זאָל ניט לעבן !

פיר אַזייגער פאַרטאָג
האָט מען הירשקען אַף וואָיענע פאָליע געבראַכט.
דאָס אָרט האָט ער באַמערקט גאַנץ גוט :
— מיך הענגט מען היינט באַנאַכט.

אַך, ברידער, איר זאָלט מיר ניט פאַרגעסן,
דעם שטריק, וואָס מען האָט פאַרוואָרפן איבער מיר ;
אַז מיין פרוי וועט אַ קינד געבאָרן,
אַ נאָמען זאָלט איר געבן נאָך מיר.

אַך, ברידער, איר זאָלט מיר ניט פאַרגעסן,
דעם שטריק וואָס מען האָט פאַרוואָרפן אַף מיין האַלז ;
אַ צוואה וועל איך אייך, ברידער, איבערלאָזן,
אַז ראַכע זאָלט איר נעמען פאַר אַלץ.

דאָקומענטן

1.

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך !

לעקערט געקעפּט

חברים-רעוואָלוציאָנערן ! *)

לעקערט איז געקעפּט. די זעלבסטהערשונג טריאומפירט, דער רשע-מרושע וואָל האָט באַקומען אַ צאַרישן דאַנק פאַר זיין אויספירעשיקייט. פון דער הויך פון זיין טראָן האָט ניקאַ-קוניל‏עמעל (ניקאַ-מילושאַ) **) אַ קוש געטאָן אין שטערן זיין טרייען משרת, ווען ער האָט באַקומען די ידיעה וועגן דעם אַטענטאַט אַף זיין לעבן. זעכצן טויזנט רובל און לעקערטס קאָפּ — אָט דאָס איז זיין באַלוינונג. פון איצט אָן וועט וואָלס ביישפּיל ציען פיל אַנדערע צאַרישע באַשי-בוזוקן, גרויסע און קליינע.

חברים ! פון יאָר צו יאָר ווערט אונז אַלץ שווערער צו אָטעמען אין קלעם פון דער זעלבסטהערשונג ; צו ענג ווערט איבער אונז די צוים פאַרצויגן און דראָט מיט טויט פאַר אַלץ גרעסערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. טעראָריזירן, אָנשרעקן דאָס פאָלק — אָט וועגן וואָס ס'דאגהט איצט די זעלבסטהערשונג. דורך שמיץ, קאַטאָרגע, תליות און טויט-אורטיילן וויל זי אונז דעמאָראַליזירן און אַרויסרייסן פון אונזערע הענט די פאָן פון קאַמף, אַף וועלכער ס'איז שוין פאַר-שריבן אַזוי פיל רומפולע נעמען, אַזוי פיל אומשולדיקע קרבנות און יונגע לעבנס ! אומזיסט די באַמיאונגען ! די ווילדקייטן פון דער רעגירונג שאַפן איר אַלץ מער שונאים. איר נאָמען, אירע מעשים ווערן פאַרהאַסט דורך אַזעלכע מענטשן, וואָס פריער האָט זי זיי געקאָנט רעכענען פאַר אירע געטרייסטע זין. די נויטיקייט פון פּאָליטישן קאַמף, אַלס דאָס איינציקע מיטל צו דערשלאָגן זיך רעכט פון אַ פרייען בירגער, ווערט אַלץ קלאָרער פאַר אַלע איינוואוינער פון גרויסן רוסלאַנד.

חברים, ברידער ! אונז וועלן דאָך ניט אָנשרעקן די תליות און די שמיץ, ווי ס'האָבן אונז ביז איצט ניט געשראָקן די תפיסות און סיביר. מיר וועלן קעמפן ביז ס'וועט אונטערן דראַנג פון אונזערע אַלגעמיינע און אייגהייטלעכע קרעפטן ניט פאַלן דער בנין פונעם אַלרוסלענדישן דרוק, ווילקיר און געוואַלט — די צאַרישע זעלבסטהערשונג. זאָל אונז באַגייסטערן דער ביישפּיל פון אונזער חבר לעקערט ! זאָל פאַר אונז הייליק זיין דער אָנדענק פונעם אידן-אַרבעטער, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך ! זאָל זיין אָנדענק אונז באַגייסטערן אַף דעם ווייטערדיקן עקשנותדיקן קאַמף ; זאָל דער

---

*) דער דאָזיקער אויפרוף איז געווען אַרויסגעגעבן אין אידיש, פּויליש און ליטוויש גלייך נאָך לעקערטס קעפּונג. דאָ ברענגען מיר אים אין אַן איבער-זעצונג פון רוסיש.

**) צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער.

דאָזיקער אָנדענק לעבן אין אונז ביז יענער צייט, ווען ס'וועט פאַלן די פעסטונג פון דער זעלבסטהערשאַפט, — ווען מע וועט קאָנען אים אָפּגעבן די באַערונג, וועלכע ער האָט כשר פאַרדינט מיט זיין פריציייטיקן טויט צוליב דער פאַר־טיידיקונג פון אונזער באַליידיקטער ערע, פון אונזערע געשענדעטע רעכט.*)

דער פאַראייניקטער קאָמיטעט פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס:

ווילנער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער קאָמיטעט פונעם „אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער-בונד" אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד.

ווילנער קאָמיטעט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע.

ווילנער אַרבעטער-קאָמיטעט פון דער ליטווישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

יולי, 1902 יאָר.

.2

צווישן די פּאַפּירן פון דער צאַרישער אָכראַנע האָט מען געפונען פאַרצייכנט די פאָלגנדיקע נעמען, וואָס ווערן אָנגעגעבן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן ווילנער טעראָריסטישן קרייזל:

לעקערט, הירש דאַווידאָוו—מעשטשאַנין פון שטעטל יאַנישעק, קאָוונער גוב.

אָרלאָווסקי, שלום (אַ ביט-דערוואַקסענער) — פאַרהאַלטן דעם 26טן אַפּריל מיט טעראָריסטישע פּראָקלאַמאַציעס.

אָטוואַריץ, זלמן.

אַפּינהאַרץ, יודל.

וולאָדאַווער, הירש יאַנקעלעוו.

עלפּערין, חיה. די באַלעבאָסטע פונאַ דירה אַף נאָוואָגאָראָדער גאַס, וואו ס'פלעגן פאָרקומען די באַראַטונגען פון לעקערטס גרופּע.

קאַפּלאַן, איסר נאָכימאָוו — אַ מינסקער מעשטשאַנין.

סענדעראַצקי, באָלעסלאַוו אָסיפּאָוו — אַ שלאָסער.

לעקוך, חיים לייבאָוו — אַ שוסטער.

באָדאָס, יעוול — אַ שוסטער, האָט געהאַלטן אַ צווייטע קאָנספּיראַטיווע דירה אין דעם זעלביקן ראָזענסאָנס הויז.

מילעראָווסקי, יעקב יאָסעלעוו (צונאָמען „רויטער").

באָבראָווסקי, דוד פינכעסאָוו — אַ שוסטער.

פאַרבער, יאַנקל לערבאָוו — אַ שוסטער.

שטעמפּעלמאַן, שיינע בערקאָוואַ — אַ שניידערין.

וואַלק, צאַריע (צונאָמען „די שרייערין").

„קאָסאָלאַפּי" — ספּאָקאָינעס הויז אַף נאָוואָגאָראָדער גאַס.

„קראַגן" — לעווין, ראָזענסאָנס הויז אַף נאָוואָגראָדער גאַס.

---

*) נביאישע ווערטער, וועלכע זיינען איצט מקוים געוואָרן: די באַפרייטע אַרבעטער-פּויערשע מאַסן פון אַלע פעלקער פאַראייביקן לעקערטס אָנדענק און שטעלן אים אַ דענקמאָל.